THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
OCT 15 1930
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

וועטער:
ניט באשטימט

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST.
THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 6.37
זון אונטערגאנג — 5.53

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עסטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 196, Winnipeg, Wed. Oct. 8, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך ט"ז תשרי, תרצ"א.

האדסאן ביי מארשרוט וועט געעפנט ווערן אין סעפטעמבער, 1931, זאגט דר. מעניאן

אייזנבאן מיניסטער, צוריקקערנדיק זיך פון א באזוך אין טשורטשיל, צופרידן מיטן גאנג פון דער ארבעט. — דערווארט אז ערשטע טראנספארטן דורכן האדסאן ים זאלן ארויס קומענדיקן הארבסט

דהי פעס, מאנ., אקט. 8. — די רעגירונג האט ברעה צו עפענען דעם האדסאן ביי מארשרוט אין סעפטעמבער, 1931, סיי פאר עקספארט און סיי פאר אימפארט טראנספארטן, — האט דא דערקלערט דר. ר. דזש. מעניאן, אייזנבאן מיניסטער, ביי א באנקעט געגעבן לכבוד אים און זיין פארטיע, וואס קערן זיך אום פון אן אינספעקציע טור אין טשוירטשיל.

דר. מעניאן האט אפגעלייקנט די קלאנגען וואס ווערן פארשפרייט אין דער וועסט אז די ארבעט אויפ'ן פארט אין טשוירטשיל ווערט פארצויגן מער ווי מען דארף. ער האט אויסגעדריקט זיין גרעסטע צופרידנהייט מיט די רעזולטאטן פון דער ביז איצטיקער ארבעט, און ער האט פארזיכערט זיינע צוהערער, אז די ארבעט וועט ווייטער אנגיין אין פולן שוואונג, און סיידן אומפאראויסגעזעענע מניעות וועלן פארהאלטן די ארבעט, וועט דער מארשרוט זיין פארטיק פאר א פראווו שוין קומענדיקן הארבסט.

וועגן דעם "מייפקינג קאט אף", — דער פאראייניקונגס ליניע וואס דארף פארקירצן דעם וועג פון וויניפעג קיין דהי פעס — האט דער מיניסטער געזאגט, אז די רעגירונג מאכט אראנזשמענטס אויסצופארשן דעם פראיעקטירטן מארשרוט דעם ווינטער. ביז די אויספארשונג וועט געמאכט ווערן, קאן נאטירלאך קיין רייד ניט זיין וועגן בויען די ליניע.

וואס איז שייך דעם מאטאר וועג קיין דהי פעס וואס מאניטאבא פארלאנגט, האט דר. מעניאן דערקלערט, אז פון דער סומע אסיגנירט פון דער רעגירונג פאר מאניטאבעס ארבעטסלאזיקייט איז 75 טויזנט דאלאר ספעציעל באשטימט געווארן פאר'ן בוי פון דעם דאזיקן וועג. עס פארבלייבט איצט פאר דער פראווינץ צו האנדלען וועגן דעם ענין.

דר. מעניאן און זיין פארטיע פארן פון דאנען אפ קיין וויניפעג.

א סך מער פרויען אויף ענגלישע וואל-ליסטן, ווי מענער

לאנדאן, אקט. 8. — ווי דער גענעראל-רעגיסטראר האט דא איצט אנאנסירט, זיינען דא מיט 362 טויזנט מער פרויען אויף די וואל-ליסטן פון ענגלאנד און וויילס, ווי מענער.

בלויז אין דער שטאט לאנדאן גופא זיינען די מענער אריבער די פרויען אין צאל. דערפאר זיינען אבער דא מער ווי צוויי פרויען צו יעדן מאן אין סאוט קענסינגטאן.

די קלענסטע צאל שטימבארעכטיקטע פרויען ווייזט זיך ארויס, געפינט זיך אין די ארבעטער דיסטריקטן.

(::)

יונייטעד היברו רעליף קאמפיין פאנגט זיך אן גלייך נאך סוכות

די שווערע עקאנאמישע לאגע האט פארגרעסערט די נויט צווישן דער היגער אידישער באפעלקערונג, און די צאל פון די וואס דארפן אנקומען צו הילף איז גרעסער ווי געוויינלאך. די יונייטעד היברו רעליף וועט זיך דערפאר מוזן אנשטרענגען צו שאפן אין איר יערלאכן קאמפיין א גרעסערן פאנד, ווי אלע יאר.

דער קאמפיין וועט זיך אנפאנגען גלייך נאך סוכות (איבעראכטאג דאנערשטאג).

(::)

באנדיט פארזעט דעם אמת'ן אוצר

מאנטרעאל, אקט. 8. — פארזעענדיק א קאנוווערט מיט $1,241 אין מזומן געלט, האט אן איינזאמער באנדיט אפגעהאלטן און בארויבט א ברענטש פון דער "מאנטרעאל לייט, היט און פאוער קאנסאלידייטעד" און ער איז אנטלאפן מיט $201 נאכדעם ווי ער האט פארשלאסן דעם פארוואלטער און אנדערע צוויי אנגעשטעלטע אין צימער פון קעלער.

באריכט וועגן בונט אויף בריטישער קריגסשיף אפגעלייקנט

לאנדאן, אקט. 8. — די בריטישע אדמיראליטעט האט קאטעגאריש אפגעלייקנט דעם באריכט פארעפנטלאכט אין בריטישע צייטונגען, אז עס זאל האבן פארגעקומען א בונט פון מאטראסן אויף דער קריגס-שיף "רעווענדזש", וואס געפינט זיך איצט ביי די דרום ברעגן פון פראנקרייך.

פאר דער צייט וואס די שיף געפינט זיך דארטן, זאגט די אפלייקענונג, האבן 340 מאטראסן געקראגן בערג-אורלויב יעדן טאג, און פאר דער גאנצער צייט זיינען געווען בלויז 35 פאלן וואס די מאטראסן האבן פארשפעטיקט מיט זייער קומען. צוויי זיינען אינגאנצן ניט געקומען צוריק, און זיי זיינען דערקלערט געווארן פאר דעזערטירער. עס זיינען ניט געווען קיין שום פאלן פון אומגעהארכזאמקייט אדער שלעכטן אויפפיר בנוגע די אפיצערן, און קיין שום קלאגעס זיינען ניט געמאכט געווארן בנוגע שלעכטע שפייז.

(::)

פרינץ פון וויילס וועט זיין אונטערפירער ביי קעניג באריס

ווין, אקט. 7. — פון סאפיע, בולגאריע, ווערט דא געמעלדעט, אז דער פרינץ פון וויילס וועט זיין קעניג באריסעס "בעסטער מאן" בעת זיין חתונה מיט פרינצעסן דזשיאוואנא פון איטאליע, וואס וועט אינגיכן געפראוועט ווערן.

פארבייגייער בארויבט פון דריי באוואפנטע באנדיטן אין עלמוואוד

לעסלי קריבס, פון ריווער עווע., האט געהאט א שלעכטע דערפארונג אויף דעם ראג פון מייטאן עוועניו און קעלווין סט., עלמוואוד. גייענדיק דארטן מאנטאג ביינאכט פון א באזוך ביי א פריינט, איז ער, ווי ער דערציילט, באגעגנט געווארן פון דריי יונגעלייט, וועלכע האבן אים פארהאלטן. צוויי פון זיי, קאנטיק ניט דערפארנע אין דער מלאכה, האבן אים געהאלטן פון ביידע זייטן, און דער דריטער, וועלכער האט אויסגעזען צו זיין א מענש מיט דערפארונג, האט אויף אים אנגעשטעלט א רעוואלווער און האט אים געזאגט דעם באוואוסטן פסוק "שאו ידיכם". מר. קריבס האט זיך ניט געלאזט בעטן.

אויף דער פראגע פון'ם באנדיט, האט ער אים געזאגט, אז ער האט זיין געלט אין דער רעכטער קעשענע פון זיינע הויזן. צונעמענדיק דאס געלט, האבן זיי אים געהייסן גיין גלייך פאראויס און ניט קוקן אויף צוריק, כדי מיט אים זאל ניט פאסירן דאס וואס פאסירט ווען מען קוקט ווי כהנים דוכנ'ען . . .

ערשט שפעטער האט מר. קריבס אנגעטראפן א פאליציסט און האט אים דערציילט וואס מיט אים האט פאסירט, — אבער פון די באנדיטן איז שוין נאטירלאך קיין שפור ניט געבליבן. אלץ וואס זיי האבן ביי אים אבער געקראגן איז געווען פיר דאלאר מיט דרייסיק סענט.

פאליציי ווארנט קרעמער צו האלטן זייערע גראסערי סטארס געשלאסן א האלבן טאג מיטוואך

אייגנטימער פון לאקאלע גראסערי סטארס וועלכע זיינען אונטערווארפן אונטער די סעקציעס פון דער אוירלי קלאוזינג ביילאו, זאלן בעסער היינט האלטן פארמאכט זייערע געשעפטן, אז ניט וועלן זיי באשטראפט ווערן פאר ברעכן דעם געזעץ.

טשיף ניוטאן האט נעכטן אנאנסירט, אז די סטארקיפערס וועלכע וועלן ניט אפהיטן דעם דאזיקן געזעץ וועלן באשטראפט ווערן. די דאזיקע דערקלערונג, ווערט פארשטאנען, איז א רעזולטאט פון אינסטרוקציעס וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן פון דער פאליציי קאמיסיע וועלכע, האט נאך א זיצונג, באשלאסן דורכצופירן די "אוירלי קלאוזינג ביי-לאו" אין איר פולער מאס.

"אלע אייגנטימער פון גראסערי סטארס וועלכע וועלן ניט אפהיטן די "אוירלי קלאזינג ביי-לאו", האט טשיף ניוטן געזאגט, "וועלן ווערן געלאדן און באשטראפט".

ארום הונדערט סטארקיפערס זיינען ביי היינטיקן טאג פארשריבן אין פאליציי געריכט אויפ'ן צעטל פון ברעכן דעם "אוירלי קלאוזינג ביי-לאו" זייערע פארהערן זיינען אפגעלייגט געווארן פון וואך צו וואך פאר איבער א מאנאט צייט. זיי וועלן ווידער דארפן דערשיינען אין געריכט מארגן ביי טאג.

"דער גלות בלבול"

שפאנענדע, כאראקטעריסטישע שילדערונגען פון'ם אידישן לעבן אין רוסלאנד אין דער ניט - לאנגער פארגאנגענהייט
אין א לענגערער דערציילונג
פון
מ. פייקאוו
(וויניפעג)
באארבעט פון
פ. זאלף און א. לאפין
הויבט זיך אן דרוקן
דעם פרייטאג
אין
"דאס אידישע ווארט"
און וועט פארגעזעצט ווערן יעדן דינסטאג, דאנערשטאג און פרייטאג

קערפערס פון 47 קרבנות פון "אר 101" געבראכט קיין ענגלאנד

לאנדאן, אקט. 8. — די קערפערס פון די 47 קרבנות פון'ם אומגליק מיט'ן "אר 101" זיינען געבראכט געווארן אהער לעצטע אוונט און זיינען מיט ערע אוועקגעלייגט געווארן אין טויטן שטיבל פון וועסטמינסטער עבי. זיי וועלן אלע באערדיקט ווערן אויף דעם קארדינגטאן לופטפעלד, אפשר אין איין ברודער-קבר.

די גאנצע בריטישע פרעסע פאדערט א שטרענגע אויספארשונג וועגן אלע דעטאלן פון דער פאטאלער רייזע. די צייטונגען רעדן אין א טאן פון קריטיציזם בנוגע די האנדלונגען פון'ם מיניסטעריום די "דיילי ניוס" פארדאמט די רעגירונג פארוואס זי האט אויף דער טעסט-רייזע ארויסגעשיקט אזוי פיל מענשן, אנשטאט צו באנוגענען זיך מיט'ן מינימום וואס איז נויטיק געווען אנצוטרייבן די לופט-שיף. דאס איז געווען, דיינקט די צייטונג, אן אומזיסטער ריסק מיט מענשלאכע לעבנס.

אנדערע צייטונגען גיבן אנצוהערעניש, אז די טעסטן געמאכט פריער מיט דער "אר 101" זיינען ניט געווען אינגאנצן צופרידנשטעלנד.

אין קווינס טעאטער

מארים קראנער, דזשאנעט פאסקעוויטש צוזאמען מיט'ן גאנצן אנסאמבל, טרעטן אויף היינט אוונט אין קווינס טעאטער אין "פאלשע געטער", לעבנס בילד אין צוויי אקטן מיט א פראלאג און עפילאג, פון איזידאר לילינע.

מארגן וועלן מארים אפעל, פאולין שייפער, משה זילבערשטיין און הימי ראפאפארט, מיטגלידער פון דער קווינס טעאטער טרופע, געבן א געזאנגס און וואדעוויל פראגראם אויף דער ראדיא, אין סי. קיי. וואי, פון 9 ביז 9.30 אוונט.

(::)

פארשפרייטער פון פאלשע קלאנגען צו באווירקן בערזע וועלן באשטראפט ווערן

ניו-יארק, אקט. 8. — אסיסטענט אטארני דזשענעראל וואטסאן וואשבוירן האט ארויסגעלאזן א ווארנונג, אז ער וועט געזעצלאך פארפאלגן יעדן איינעם וואס וועט געפונען ווערן צו פארשפרייטן פאלשע קלאנגען מיט'ן צוועק צו באווירקן די פרייזן פון ווערט-פאפירן אויף דער בערזע

פרעזידענט הואווער וועט אויפנעמען די דעלעגאטן צום אמעריקאנער אידישן קאנגרעס

וואשינגטאן, אקט. 8 (איטא). — די דעלעגאטן צו דער יערלאכער קאנפערענץ פון אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, וואס וועט זיך עפענען אין וואשינגטאן דעם 19טן אקטאבער, וועלן דעם 10טן אקטאבער אויפגענומען ווערן פון פרעזידענט ה. הואווער אין ווייסן הויז, לויט א מעלדונג וואס איז דא באקאנט געמאכט געווארן דורך דעם פרעזידענטס אפיס.

די קאנפערענץ פון אידישן קאנגרעס וועט זיך עפענען אין דעם "נוי ווילארד האטעל" און וועט דיסקוטירן פארשיידענע פראבלעמען וועגן דער לאגע פון אידן אין די לענדער פון מזרח-אייראפע און פאלעסטינע.

פינף הונדערט דעלעגאטן, וואס פארטרעטן אידישע נאציאנאלע ארגאניזאציעס און קהלות איבער'ן גאנצן לאנד, ווערן דערווארטעט אויף דער קאנפערענץ פון אמעריקאנער אידישן קאנגרעס.

(::)

נאנקינער רעגירונג באריכטעט וועגן אנטשיידענעם זיג

שאנכאי, אקט. 8. — די נאנקינער רעגירונג אנאנסירט אז זי האט פארכאפט טשענגטשאו און לאיאנג, צוויי פעסטונגען פון גענ. פענג יו-הסיאנג, פירער פון די צפון רעבעלן.

די זיגן ווערן באטראכט ווי אנטשיידענע, און פרעזידענט טשיאנג קאי-שעק ווערט דערווארטעט די טעג צוריק קיין נאנקין פון'ם פראנט, וואס מיינט, אז ער באטראכט דעם אויפשטאנד פאר ליקווידירט.

(::)

23 דייטשע יונגעלייט פאראורטיילט פאר קאמוניזם

מינכען, אקט. 8. — דער היגער קרימינאלער געריכט האט פאראורטיילט 23 קאמוניסטישע יונגעלייט צו דריי חדשים טורמע יעדער, פאר ברעכן דעם געזעץ פאר'ן שוץ פון דער רעפובליק. זיי האבן אנגעפירט פראפאגאנדע פאר דער פארבאטענער ארגאניזאציע "רויטע פראנט קעמפערס ליגע".

(::)

ניו-יארק, אקט. 8 (איטא). — "אין קיין שום לאנד פון מזרח-אייראפע איז די לאגע פון די אידן איצט ניט קיין גוטע, אבער אמערגסטן איז דער צושטאנד אין פוילן, וואו עס לעבט דעם גרעסטער אידישער קיבוץ". דאס איז די מיינונג פון ב. סמאליאר, וועלכער האט פארבראכט די לעצטע אנדערהאלבן יאר אלס ספעציעלער קארעספאנדענט פון דער "איטא" אין סאוועט רוסלאנד און אין אנדערע מזרח-אייראפייאישע לענדער. סמאליאר וועלכער איז צוריקגעקומען מיט דער שיף "בערענגאריע", האט באזוכט : רוסלאנד, פוילן, טשעכאסלאוואקיע, עסטרייך און דייטשלאנד.

ארבעטער פארטיי קאנפערענץ שמיסט צוטרוי צו מאקדאנאלדן מיט ריזיקער מערהייט

לאנדאן, אקט. 8. — די ארבעטער פארטיי קאנפערענץ אין לאנדונא, וויילס, האט נעכטן מיט א ריזיקער מערהייט נידערגעשטימט א רעזאלוציע וואס האט קריטיקירט די ארבעטסלאזיקייט פאליטיק פון דער רעגירונג אנגעפירט פון פרעמיער ראמזי מאקדאנאלד. די רעזאלוציע האט געדארפט אויסדריקן אומצוטרוי צו מר. מאקדאנאלדס קאבינעט.

די אפשטימונג קעגן דער רעזאלוציע איז געווען (אין פארטראטענע שטימען) 1,800,000 צו 334,000.

מר. מאקדאנאלד האט פארטיידיקט די פאליטיק פון דער רעגירונג, דערקלערנדיק אז דער סאציאליזם קאן דערגרייכט ווערן נאר שטופנווייז. ער האט אויך בארירט די טאריפן פראגע, און האט געזאגט אז זיין רעגירונג איז ניט געניגט צו באנוצן זיך מיט טאריפן אין א גרויסער מאס, און אויב זי וועט איינפירן וועלכע ס'איז טאריפן צו גונסטן פון געוויסע לענדער, איז עס נאר דאן, ווען ענגלאנד זאל עפעס געניסן דערפון.

דזשיימס מעקסטאן האט פארטיידיקט מאקדאנאלדן

לאנדונא, וויילס, אקט. 7. — דזשיימס מעקסטאן, פירער פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, וועלכער האט כסדר באקעמפט מאקדאנאלדס מעסיקע פאליטיק, האט היינט ביי דער פארטיי קאנפערענץ איינגעשטעלט זיך פאר מאקדאנאלד'ן, אבער ער האט אויפגעפאדערט אויפצולייזן דעם פארלאמענט און דורכפירן נייע וואלן, כדי צו קריגן א מערהייט. ער האט געזאגט :

"מיר טארן ניט ארויפווארפן מאקדאנאלד'ן, ווי מיר האבן עס געטאן מיט טאמאסן. אויב די רעגירונג זאל פאלן, פארוואנדלען מיר זיך צוריק אין א קליינער פראפאגאנדע גרופע פאר'ן סאציאליזם. מיר האבן אויסגעקליבן די רעגירונג, כדי זי זאל איינפירן א נייע סאציאלע ארדענונג. זי קאן עס איצט ניט טאן, ווייל זי האט ניט קיין מערהייט, — דארף זי זיך ווענדן צום פאלק און פארלאנגען א מערהייט".

מאניטאבעס נייע טורמע איז איצט "אפן פאר ביזנעס"

די נייע פריזאן פארם פון מאניטאבא, אויסגעבויט ארום העדינגלי, וואס האט געקאסט 450 טויזנט דאלאר, איז שוין פארטיק. די ארעסטאנטן פון דער פראווינציעלער געפענגעניש און וואגען סט., וועלן אהין אריבערגעפירט ווערן ביסלאכווייז, אנפאנגענדיק איבעראכטאג מיטוואך, אקט. 15טן.

ביז די ארעסטאנטן וועלן איבערגעצויגן ווערן אויף זייער נייער דירה, איז די טורמע דערווייל אפן פאר דער וואך פאר'ן אלגעמיינעם פובליקום צו באטראכטן. יעדער איינער קאן זי איצט באזוכן ביז איבעראכטאג מיטוואך, — שפעטער וועט מען שוין מוזן באגיין א פארברעכן צו קאנען זי זעען פון אינעווייניק . . .

ארום דער טורמע איז דא א גרויסער שטח באדן, וואס וועט באארבעט ווערן פון די ארעסטאנטן.

(::)

17 טויט אין קינא פייער אין אסטראכאן

מאסקווע, אקט. 8. — זיבעצן מענשן זיינען פארברענט געווארן אויף טויט און נאך 14 זיינען ערנסט צעברענט געווארן אין א שריפה וואס איז אויסגעבראכן בעת'ן אויפפיר פון א קינא בילד אין א קלוב אין אסטראכאן. די מייסטע קרבנות זיינען געווען קינדער.

באנק באריכטעט פארבעסערונג אין קאנאדער געשעפטן

טאראנטא, אקט. 8. — לויט דעם מאנאטלאכן באריכט פון קענעדיען בענק אף קאמערס, איז די געשעפטלאכע לאגע אין קאנאדע איצט אין עטוואס א בעסערן צושטאנד ווי לעצטנס.

דער באריכט צייגט אן אויף דער גערעטעניש וואס איז בעסער דאס יאר ווי לעצטן, און זאגט : "קאנאדע דערווארט איצט אויף די צייכנס וואס צייגן, אז דער פאל פון די געשעפטן פון דער וועלט איז אפגעשטעלט געווארן".

(::)

פוילישע רעגירונג קויפט ווידער אפ דעם גאנצן טאבאק שניט פון גליל העליון

ירושלים, אקט. 8 (איטא). — פונקט ווי פאראיארן, האט די פוילישע רעגירונג אויך היינטיקס יאר אפגעקויפט די גאנצע טאבאק פון גליל-העליון, לויט אן אפמאך צווישן דעם פוילישן טאבאק-מאנאפאל און מר. ברזלי, פארזיצער פון'ם אידישן טאבאק-פלאנצער סינדיקאט אין ראש-פינה.

אנשטאט 38 און א האלב פענס פער פונט פאראיארן, האבן די טאבאק פלאנצער היינטיקס יאר געקראגן 40 פענס. מר. ברזלי האט דערקלערט צו דער "איטא", אז אפילו דער איצטיקער פרייז איז פיל קלענער פון די פרייזן וואס מען צאלט פאר טאבאק פון דער זעלבער קוואליטעט ערגעץ אנדערש. ער האט אבער דערקלערט אז ער האפט, אז נאכדעם ווי די פארמעלע שוועריקייטן וועלן באזייטיקט ווערן, וועט ער קריגן א פיל גרעסערן פרייז פאר דעם טאבאק.

(::)

שלום אש אנגעקומען קיין ווין

ווין, אקט. 8 (איטא). — דער באוואוסטער אידישער שריפטשטעלער, שלום אש, געפינט זיך איצט אין ווין אין צוזאמענהאנג מיט דער דערשיינונג פון זיינע ווערק אין דער דייטשער שפראך, וואס א היגער פארלאג וועט ארויסגעבן.

היברו סיק בענעפיט סאסייטי דערוויילט באאמטע פאר נייעם יאר

פ. בייקער, ווידערערוויילט פרעזידענט

איינע פון די גרעסטע פארזאמלונגען אין דער געשיכטע פון דער היברו סיק בענעפיט סאסייטי, דער גרעסטער וויניפעגער אידישער ארגאניזאציע, איז פארגעקומען לעצטן זונטאג, ווען יערלאכע באריכטן זיינען אפגעגעבן געווארן און וואלען פאר באאמטע פאר'ן נייעם יאר זיינען דורכגעפירט געווארן. איבער 300 מיטגלידער זיינען געווען אנוועזנד ביי דער פארזאמלונג.

די פאלגנדע באאמטע זיינען דערוויילט געווארן : פ. בייקער, ווידערדערוויילט פרעזידענט צום דריטן טערמין (אקלאמיישאן); וו. זיידמאן, וויצע-פרעזידענט; ג. גרינבערג, קאסירער (אקל.); עמערדזשענסי און עלטער פאנד, דזש. וועריער (אקל.); טראסטים : ל. בוק, י. טעסלער, וו. אסריקאו, יעקב שניר; קאנטראלערס : ס. לייבאוויטש, ג. שעפס, ס. גאלדין, ה. ראלער.

פאר דאקטאר איז אויסגעקליבן געווארן פאר דעם קומענדיקן יאר דר .ברענער.

אזוי ווי די פארזאמלונג האט זיך פארצויגן ביז שפעט, זיינען די וואלן פארבליבן ניט פארענדיקט. דער עקזעקוטיווער קאמיטעט וועט אויסגעקליבן ווערן ביי דער קומענדיקער אלגעמיינער פארזאמלונג.

נאמען פון געהיימניספולער מיידל, וואס האט באגאנגען זעלבסטמארד אין סאסקאטון, אויסגעפונען

סאסקאטון, סאסק., אקט. 8. — דער נאמען פון דער געהיימניספולער 19-יאריקער מיידל וואס איז דא געפונען געווארן א זעלבסט-דערמארדעטע אין א וועלדל ארום שטאט, איז געווען קיטי פאלענוק, און זי איז געקומען פון האיאס, סאסק., — ווי די פאליציי האט אויסגעפונען דורך אירער א שוועסטער אין רעדזשיינע.

די אורזאך פון'ם זעלבסטמארד איז ניט אנטדעקט געווארן, אבער די פאליציי גלויבט, אז זי איז ניט געווען ביים פולן פארשטאנד.

סאסקאטון, סאסק., אקט. 8. — די היגע פאליציי האט געהאט א שווערע אויפגאבע אויסצוגעפינען וועגן דער געהיימניס פון דער אומבאקאנטער 19-יאריקער מיידל, וועמעס קערפער, דורכגעלעכערט מיט דריי רעוואלווער קוילן, איז געפונען געווארן זונטאג אין א וועלדל ארום די גרעניצן פון שטאט.

דאס מיידל איז געווען פאררעגיסטרירט אין א היגן האטעל אונטער'ן נאמען ווירדזשיניא ע. האמילטאן. דעם זעלבן נאמען האט זי אנגעגעבן אין א היגער באנק וואו זי האט ארייגעלייגט 150 דאלאר, און אויך אין א בריוו וואס זי האט איבערגעלאזן פאר דער פאליציי.

דעם נאמען "ווירדזשיניא" האט זי אבער יעדן מאל אנדערש אויסגעלייגט, און עס איז דערווייל ניט געווען קיין איינער, וואס זאל וויסן פון וואנען זי שטאמט און פארוואס זי האט געמאכט א סוף צו איר יונגן לעבן.

אז זי האט זיך געגרייט צו באגיין זעלבסטמארד איז קאנטיק פון דעם, וואס ארייגלייגנדיק די 150 דאלאר אין באנק האט זי געזאגט, אז דאס וועט דארט לאנג ניט ליגן. אין איר בריוו צו דער פאליציי זאגט זי אז דאס געלט פאר איר לויה. זי בעט אויך די פאליציי צו באגראבן זי אנגעטאן אין א רויט, ווייס און בלויען קלייד, וואס מען האט געפונען צווישן אירע זאכן.

אונטער איר קערפער האט מען געפונען א רעוואלווער מיט זעקס אויסגעשאסענע קוילן און מיט איין קויל פארבליבן אינ'ם מאגאזין.

ווי זי זאל האבן געזאגט אין האטעל וואו זי האט זיך פאררעגיסטרירט, איז זי געקומען פון רעדזשיינע. א רייטנדיקער פאליציסט, פ. וו. גרין, זאגט, אז ער האט אין איר דערקענט א מיידל וואס ער האט געזען אין רעדזשיינע מיט א פאר חדשים צוריק, אין א רויטן אוניפארם.

אגב - אורחא
פון מארק

ווי מען פלאנצט אין מיליטאריזם ביים יונגנט

די פראגע פון מיליטערישע איבונגען פאר קינדער איז ביי אונז שוין עטלאכע מאל בארירט געווארן.

אין פארלאמענט אין אטאווא האבן די ארבעטער און אנדערע דעפוטאטן שוין עטלאכע מאל פראטעסטירט קעגן די "פרייוויליקע" מיליטערישע איבונגען, וואס ווערן אנגעפירט ביי אונז אונטער אויפזיכט פון'ם דעפארטמענט פאר נאציאנאלער פארטיידיקונג, און וואס קאסט אגב דער נאציאנאלער קאסע א באדייטנדיקע סומע יעדן יאר.

די פראטעסטן זיינען נאטירלאך, געווען ארויסגעווארפן. אלע גוטע, פיינע און אנשטענדיקע בירגער, וואס זיינען ניט קיין "באלשעוויקי", וועלן דאך זיכער ניט דערלויבן אויפצוהויבן א האנט אויף דער הייליקער מיליטאריסטישער אינסטיטוציע ניין, וואס עפעס מיליטאריסטישע ? וואו איז דא עפעס מיליטאריזם ? מען לערנט דאך נאר די בחורים'לאך האלטן א ביקס צוליב זייער אייגענעם געזונט ! און, צווישן זיך רייידנדיק, קאן דאס טאקע מיט דער צייט זייער גוט צונוץ קומען, ווען "מען וועט טאנצן באפאלן", און זיי וועלן דארפן פארטיידיקן דאס פאטערלאנד. מיר אליין וועלן דאך זיכער קיינעם ניט באפאלן ! . .

* * *

ווי עס זעט אבער אויס, גייען אפנים פארט די געשעפטן פון אונזער יונגנט טרענירונג אפטיילונג ניט אזוי גלענצענד, און מען זוכט אריינצוציען דאס יונגנט, מיט דער צושטימונג פון די עלטערן, דורך א פרימאנקע.

פאר מיר ליגט א צירקולאר געשריבן אויף די בלאנקן פון דער וויניפעגער לייכטער אינפאנטעריע, אדרעסירט צו די וויניפעגער טאטעס, אין וועלכן די לעצטע ווערן איינגעלאדן צו שיקן זייערע קינדער אויף א פאר שעה יעדע וואך אין איינער פון די היגע קאזארמעס פאר פיזישע איבונגען און ספארט. דערצו ווערן שוין צוגעגעבן אביסל מיליטערישע איבונגען, סיגנאליזאציע, טעלעגראפיע און אנדערע זאכן, וואס האבן א שטיקל שייכות צו מיליטערישער דינסט.

די הויפט זאך וואס ווערט אבער באטאנט איז דער ספארט און — די "געזונטע אטמאספערע", און א. וו., — זאכן וואס אפעלירן אזוי צו עלטערן וואס זיינען באזארגט איבער דעם פארלוסט פון זייער קאנטראל איבער דעם אויפפיר פון זייערע קינדער.

עס ווערט דערקלערט, אז ביז איצט האט די קערפערשאפט הויפטזעכלאך געזוכט צו טרענירן סאלדאטן, אבער איצט וועט זי שוין שיינקען באזונדער אויפמערקזאמקייט צו פארווייילונגען און ספארט.

דאס זעט אויס צו זיין א גוטע פרימאנקע פאר די טאטעס וואס זוכן "געזונטע פארווייילונגען" פאר זייערע דערוואקסענע קינדער, און ווילן זיי פארט ניט מאכן פאר קיין סאלדאטן.

* * *

אידן איז ניט נויטיק צו פראפאגאנדירן קעגן מיליטאריזם.

אבער אויך אידישע טאטעס קאנען דא געכאפט ווערן אויף דער ווענטקע. אויך זיי זיינען באזארגט פאר זייערע גרעסערע אינגלאך, וואס גייען אוועק אוונטן פון דער היים און זיי ווייסן ניט אין וואס פאר אן אטמאספערע זיי פארברענגען. און זיי קאנען אזוי לאזן זיך פארפירן פון אט די כלומרשט אומשולדיקע ספארטן און איבונגען, און אזוי איבערגעבן זייערע קינדער אין די הענט פון די, וואס וועלן זיי אריינציען אין דער סאלדאטשינע.

ספארט איז זיכער א געזונטע זאך, אבער אין א מיליטאריסטישער אטמאספערע איז דאס שעדלאך.

עס דארף אבער זיין די אויפגאבע פון אונזערע אידישע דערציאונגס אנשטאלטן צו געבן די קינדער אויך פון'ם געזונטן ספארט, כדי זיי זאלן דאס ניט דארפן זוכן אין א פרעמדער און אפט פארסמ'טער אטמאספערע.

* * *

און אז איך רייד שוין וועגן דעם ענין, וויל איך דא דערמאנען א מאניפעסט וועלכער ליגט פאר מיר פון דעם "פאראייניקטן פרידנס ראט פון דער וועלט", אין וועלכן עס זיינען פאראייניקט די גרעסטע גייסטער פון אלע לענדער:

אין דעם מאניפעסט ווערט, צווישן אנדערש, באזונדערס פארדאמט די מיליטערישע טרענירונג פון'ם יונגנט: "וועלכע ווערט דורכגעפירט אין איניקע לענדער דורכ'ן געזעץ, און אין אנדערע — דורך מאראלישן און עקאנאמישן דרוק".

עס ווערט געפאדערט פון אלע פרידנס-ליבנדיקע מענשן צו באקעמפן יעדע פארם פון קאנסקריפציע און מיליטערישער טרענירונג פון'ם יונגנט. "וואס געוויינט דעם געדאנק און דעם קערפער צו דער טעכניק פון הרג'ענען מענשן".

און עס ווערט ארויסגעלאזן דער לאזונג פון "בילדונג פאר הומאניטעט און פרידן"

אונטער'ן מאניפעסט זיינען אונטערגעשריבן, צווישן אנדערש, אזעלכע בארימטע נעמען, ווי :

פראפ. איינשטיין, דר. דזשאן דיואי, דר. זיגמונד פרויד, דר. טאמאס מאן, ראמען ראלאן, בערטראנד ראסעל, אפטאן סינקלעיר, ראבינדראנאט טאגאר, דר. י. ל. מאגנעס, ה. ג. וועלס, סטעפאן צווייג, און א. וו.

און זאל מען איצט אויסקלייבן צווישן די און צווישן די פעלדפעבלען וואס פירן אן ביי אונז די מיליטערישע טרענירונגען...